# זאלן די יודישע שטימען נישט געהן פערלוירען

## צו דער אויפמערקזאמקייט פון די דריי וואהל-ליסטעס

נישט קיין פרעהליכע גרוסען הערט מען וועגען די יודישע אויסזיכטען בעת די נאהנטע וואהלען צום שטאדט-ראט. פון קאמפעטענטע קוועלען גיעט מען איבער, אז דערפאר וואס די וואהל-קרייזען זענען היינט צוגעשניטען געווארען אנדערש ווי אלע מאהל, וועלען די יודישע שטימען מאיאריזירט ווערען פון די נישט-יודישע. עס וואלט אבער דאך מעגלעך געווען אפילו ביי דער נייער וואהל-געאגראפיע, אויסצוקעמפען א פערהעלטניסמעסיג-ענטשפרעכענדע צאהל יודישע ראטמענער, ווען די יודישע שטימען זאלען נישט צעשפליטערט ווערען אין געראנגעל פון געגענזייטיג-זיך בעקעמפענדע ליסטעס. אזעלכע זענען אבער פארהאן 3 און דעריבער איז לויט דער פאראויסזעהונג פון זאכקענער, צו ערווארטען א דורכפאל פאר אלע, ביי דער נרעסטער דערגרייכונג, ווערט אויסגערעכענט, קענען די יודישע שטימען אנציהען מאקסימום 4 ראטמענער,

דאס וואלט געווען א גרויסע מפלה. עס וואלט אין אזא פאל מיט איינמאהל געווארען רעדוצירט די יודישע רעפרעזענטאנץ אין שטאדט-ראט מיט העכער 50 פראצענט. ביז היינט זענען געווען 9 יודישע ראטמענער און יעצט נאר 4, אלזא-נאך ווייניגער ווי מיט א העלפט.

וואס-זשע בלייבט אין אזא פאל צוטוהן, ווי אזוי ראטעוועט מען די לאגע?

לויט אונז און לויט יעדען איינעם, וואס דענקט נישט מיט ענג-פארטייאישע קאטעגאריעס, וואלט געווען אנ'אויסוועג, ווען קודם כל די צוויי ארבייטער-בלאקען: דער בונד מיט פועלי-ציון קענען זיך פערשטענדיקען וועניגסטענס אין דער פראגע פון די וואהל-קרייזען. דאס מיינט, זיי זאלען בעזייטיגען דעם דעם קאנקורענץ-קאמף דארט, וואו ביידע ארבייטער-ליסטעס קענען נישט יעדער בעזונדער דערציהען די נויטיגע צאהל שטימען אויף א מאנדאט. ס'איז א זעלבסט-פערשטענדליכע זאך, אז ס'איז בעסער, אז איינער זאל פערציכטען לטובת דעם צווייטען, איידער ביידע זאלען פערשפילען און יודישע שטימען זאלען געהן לאיבוד. ס'איז נאך צייט צו קומען צו אזא טעכנישע פערשטענדיגונג. זאלען די צוויי ארבייטער-פארטייען זיך זעצען צום טיש און אדורכקומען צווישען זיך. זאלן אלע אמביציעס אוועקגעשטעלט ווערען אין א זייט און אויף זייער ארט זאל בעסער גענומען ווערען אין בעטראכט די נויטהווענדיגקייט פון אויסשפילען א גרעסערע צאהל יודישע ראטמענער אין יעצטיגען מאמענט.

מיר נעהען נאך ווייטער. די צוויי ארבייטער-ליסטעס האלטען זיך אויך געמעגט פערגינען זיך דורכצורעדען מיט'ן בירגערליכען בלאק אין דער זעלבער פראגע פון איינטיילען צווישען זיך די וואהל-ראיאנען, כדי שפעטער אין טאג פון די וואהלען, נישט צו טרייבען האזארד און נישט שפילן זיך אין א כוחות-פערמעסט, כדי צו דעמאנסטרירען און וויזען וויפיעל יעדער האט געצויגען שטימען. דא האנדעלט זיך נישט וועגען סטאטיסטיק, ווער ס'האט מעהר און ווער ס'האט ווייניגער שטימען. דא געהט הויפטזעכליך צו געווינען א יודישען מאנדאט; איז דעריבער ווער ס'האט מעהר שאנסען אין דעם, אדער יענעם וואהל-קרייז, דעם דארף מען לאזען געהן. אליין נישט האבען קיין שאנסען און א צווייטען נישט צולאזען הייסט פשוט געזאגט: איך וויל נישט געווינען און אבי דער צווייטער זאל פערשפילן. דאס איז נישט דערלאזבאר, ווייל דאס הייסט זיך אבגעגעטוהן אויף להכעיס. דאס איז א שפיל פאר'ן טייוועל.

דעריבער: הערען פון אלע 3 יודישע ליסטעס, זעצט אייך צום טיש כל זמן ס'איז נאך צייט!

ס'איז אפשר נישט קיין געפאסטער שידוך: לינק'ס, רעכטס. איהר פערבינדט זיך דאך נישט אויף אימער און עוויג. ס'איז בלויז א פרייוויליגער אבמאך, א נישט-אגרעסיע-פאקט אויף איין טאג און פאר דער אייגענער טובה:

נישט צו מאכען א צווייטען פאלען און אליין אויך נישט אומפאלען...

**אבסערוואטאר.**

# היינט דער לעצטער טאג צו צייכענען די הלואה פאר לופט-פערטיידיגונג

## קאלא פון יודישע פארלאמענטאריער געשיקט א דעפעשע צום היגן יודישען פראפאגאנדע-קאמיטעט — יודישער קאמיטעט אמטירט היינט אין גמינע א גאנצען טאג.

היינט, דער 5-ער מאי, איז דער לעצטער טאג צו צייכענען די לופט-שוץ-הלוואה. יעדער יוד וואס וואהנט אויף דער פוילישער ערד איז מחויב לויט זיין יכולת און אפילו איבער די כוחות צו סובסקריבירען, ארויסווייזענדיק זיין צוגעבינדענקייט און פאטריאטישען געפיהל צו דעם לאנד פאר וועלכען ער האט שטענדיג מקריב געווען זיין לעבען און פערמעגען. יודען וואהנען שוין אין פוילען קרוב טויזענד יאהר. אין משך פון דאזיגען לאנגען צייט-אפשניט, האבען זיי צוזאמען מיטן פוילישען פאלק דורכגעמאכט פריידען און ליידען. יודען האבען מיט מעשים, מיט מסירת-נפש תמיד ארויסגעוויזען זייער ליבשאפט צו פוילען. זאלען זיי אויך איצט קאנטואינירען די דאזיגע עהרליכע טראדיציע אלס עהרענווירדיגע בירגער און אויפריכטיגע פאטריאטען.

היינט אין לעצטען טאג דארף מען זיך איילען, בכדי צו ערפילען דעם בירגערליכען חוב,

היינטיגע וואך האט דעפ. זאמערשטיין געשיקט א דעפעשע צום היגען יודישען פראפאגאנדע קאמיטעט, רופענדיג איהם אין נאמען פון די יודישע פארלאמענטאריער צו א פערשטארקטער טעטיגקייט. דער קאמיטעט האט באלד אין זעלבען טאג ארויסגעשיקט דעלעגאטען אין די ארומיגע קלענערע שטעדטלעך: ביאלאבזשעג, שידלאווצע. זוואלין, פשיטיק, סקארשעוו א. אנד. בכדי אויפצוקלערען די גרויסע בעדייטונג פון דער הלוואה.

דער אידישער קאמיטעט, וועלכער איז היינט טעטיג א גאנצען טאג אין גמינע, פאדערט-אויף אלע, וועלכע האבען דערהאלטען בריעף, אז זיי זאלען ענטפערען וואס שנעלער און אויספילען די אבשניטען, וויפיעל זיי גיבען.

מיטוואך האבען אין קליינהענדלער-פערבאנד, אויף א גרעסערע פערזאמלונג גערעדט וועגען דער הלוואה די פארשטעהער פון יודישען קאמיטעט, די ה"ה אדוו. פעניגשטיין און סאלאמאן לעווין. זיי האבען געלויבט די יודישע קליינהענדלער, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט אין דער סובסקריפציע און אויפגעפאדערט די קליינהענדלער זאלען פשוט צווינגען אנדערע נאכצוטוהן זייער ביישפיעל און אויך בעוועגן די רייכערע סוחרים, אז זיי זאלען צייכענען די הלוואה אין דער געהעריגער הויך, וואס ענטשפרעכט זיין מאטעריעלען מצב.

עס איז פארגעלייגט געווארען פאר די פערזאמעלטע די דעפעשע פון פרעזעס פון יודישען פארלאמענטארישען קלוב, דעפ. זאמערשטיין.

* * *

דער היגער „דזיען-דאברי" אלארמירט, אז די קאפיטאליסטען און די פאטענטאטען פון דער גרויסער אינדוסטריע, וועלכע ראדאם בעזיצט אין א גרויסע צאהל, בלייבען קאלט אויפן רוף פון פאטערלאנד. צווישן די שורות איז קענטיג, אז דאס שרייבט די צייטונג אויפן אדרעס פון די יודישע פאבריקאנטען און סתם יודען.

כדאי צו ברענגען אייניגע שטעלן פון דינסטאגדיגען און נעכטיגען „דזיען-דאברי", וועלכע קלינגען אזוי:

„עס האבען א טעות די ספריטנע קאפיטאליסטען ווען עס דאכט זיך, אז מיט א בילע אכלאפ וועלען זיי זיך ארויסדרעהען פון זייער בירגערליכען חוב. זיי זענען זיך טועה, אויב זיי מיינען, אז מיט אנ'אלט פינגעריל וועלן זיי זיך בעפרייען פון דעם חוב, וואס ליגט אויף זיי, און, אז ס'וועט קלעקען אויב זיי וועלען געבען א טויזענד-חלק פון זייער פערמעגען, ווען מענשען גיבען אוועק די העלפט. די נישט פיהלבארע קמצנים פאר די בעדערפענישען פון פאטערלאנד, ערקלערען מיר: פון 6 מאי הויבט זיך אן דער צווייטער עטאפ פון דער אקציע צו זאמלען אויפן פערטיידיגונגס-פאנד". אבער דאס וועט שוין נישט זיין קיין אקציע פון פרייוויליגע שפענדונגען, נאר א צוואנגס-אויסמעסטונג, וועלכע וועט אדורכגעפיהרט ווערען מיט דער הילף פון רעפרעסיע-מיטלען. די כיטרע פערעהרער פון גאלדענעם קאלב וועלען מוזען טראגען די שארפסטע קאנסעקווענצען פון זייער עגאאיסטישער איינשטעלונג צו דער פערטיידיגונג פון דער פוילישער מלוכה. זיי וועלען בעצאהלען מעהרער וויפיעל זיי וואלטען געקענט געבען פרייוויליג".

דאס ציטירען מיר פון דינסטאג'דיגען נומער „דז. ד." נעכטען דאנערשטאג שרייבט די זעלבע צייטונג:

„אויפן מזבח פון פאטערלאנד האט געלעגט א קרבן פון זיין האב דער לעגיאן פון גראהע מענשען די פאטענטאטען פון דער גרויסער אינדוסטריע און קאפיטאליסטען, וואס געפינען זיך אין ראדאם א סך, בלייבען קאלט. עס פערגעסען די ה"ה מאגנאטען פון קאפיטאל, אויף וועמענס ערד און ביי וועמען אין לאנד זיי האבען ערווארבען זייערע מיליאנען. דעריבער דערמאנען מיר אייך, אז אייער געלד — איז נישט שטענדיג פון עהרליכע געשעפטען, דאס איז פון ארויסדרעהען זיך פון צאהלען געהעריגע שטייערען און פון אפטע פליטות. אייערע ארבייטער גיבען אוועק די העלפט פון זייער פארמעג און איר האבענדיק מיליאנען קומט אב מיט א פאר טויזענדטער. געדענקט, אז ס'זאל נישט זיין צו-שפעט".

קאמענטארען זענען איבריג.


צו די תנאים פון אונזער קוזינקע

פרל. **סאלע זאלצמא**

מיט ה'

**יהודה דונסקי** אין לאדזש

ווינטשן מיר א הארציקן מזל-טוב!

**נ. האלצמאן** מיט **פאמיליע**


# איין וואהל-ליסטע ווערט קוועסטיאנירט

## די צווייטע האט נישט די נויטיגע צאהל אונטערשריפטען און אויף דער דריטער ווייס מען גלאט נישט ווער ס'פיגורירט

א „וואזשנע" ארבייט ווערט געפיהרט אין סעקרעטאריאט פון בירגערליכען בלאק. עס טומעלט זיך יעצט וועגען דריי קאנדידאטען-ליסטעס זיינע, וועלכע זענען ארויסגעשטעלט אין פאלגענדע וואהל-קרייזען: 7, 5, 4.

אויף דער ליסטע פון בירגערליכן בלאק, אין 4-טען וואהל-קרייז, וועלכער נעמט ארום די גאסען: רוויינסקא, קאשאראווא, שעווצקא, טיבלא, וואלנאשטש, פל. יאגעלאנסקי, קילינסקי, מאלטשעווסקי א. א. פיגורירען אויף די ערשטע צוויי ערטער יונה זילבערבערג און משה לוקסענבורג. די דאזיגע ליסטע ווערט איצט קוועסטיאנירט דורכ'ן הויפט-וואהל-קאמיטעט דערפאר, וואס דער צווייטער קאנדידאט ה' לוקסענבורג פיגורירט נישט בכלל אויף די רשימה פון די וועהלער. ה' לוקסענבורג האט נישט דעקלאמירט און וועט אזוי-ארום נישט נאר קענען געוועהלט ווערען, נאר אפילו וועהלען וועט ער קיין רעכט נישט האבען.

דער שלימ'מזל'דיגער האצמעך-סעקרעטאר פון בירגערליכען בלאק, וועלכער איז געווען מישטיינס געזאגט דער פערזארגער פון דער טעכנישער זייט האט צומאלט נישט געוויסט, אז איידער מ'טראגט אריין די קאנדידאטען-ליסטע מוז מען פריהער קאנטראלירען, צי די קאנדידאטען פיגורירען כאטש אין דער וועהלער-רשימה. דאס האט ער פערגעסען און איצט קלאפט ער זיך אין לעקישעוואטען, פערשוויצטן שטערען.

דערמיט איז מען נאך נישט פערטיג. אין 7-טען וואהל-קרייז, וועלכער נעמט ארום די גאסען וואלאווא, זשיטניע, גראדסקא, מאלא, מאניושקי, פילסודסקי, שענקעוויטשא. בערנארדינסקא, קאפערניקא, נארוטאוויטש, טראוגוטטא, פלאץ 3-טער מאי—אויף דער ליסטע פון בירגערליכען בלאק אין דעם קרייז, אויף וועלכער עס פיגורירען אלס די ערשטע קאנדידאטען ד"ר פאסטמאן און לייביש מענדעל זיסערמאן, איז ווידער א פרישע סירכא. פון די 80 אונטערשריפטען אויף דער קאנדידאטען-ליסטע זענען דא 15, פון אזעלכע פערזאנען, וועלכע פיגורירען אליין נישט אויף די וועהלער-רשימה און האבען אפילו נישט קיין וואהל-רעכט. זיי קענען דעריבער נישט ארויסשטעלען קיין קאנדידאטען און מען מוז יעצט לויפען ארומזוכען אינטערשריפטען צו דערגענצען די אויסגעשטראכענע.

אינטערעסאנט, אז אין 7-טען וואהל-קרייז, וועלכער צעהלט 2300 יודישע שטימען האט דער צודרעהטער סעקרעטאר נישט געקענט צונויפקלויבען מעהר ווי 80 אונטערשריפטען און אויך דערביי האט ער אנגעמאכט א ווינד און א קורזש, אז מ'האט געמיינט, אז ס'איז אנ'ערד-ציטערניש.

א קאנדידאטען-ליסטע ברויך זיין פערזעהן מיט 75-80 אונטערשריפטען פון וואהל-בערעכטיגטע פערזאנען. אין אזא פאל בעזארגט מען זיך מיט א געוויסען רעזערוו אונטערשריפטען, מינימום מיט 150, אז טאמער ווערט א טייל גע'פסל'ט זאל יעדענפאלס בלייבען די נויטיגע לויט דער פארשריפט, צאהל. דא האט מען אויסגעקראצט קוים 80 אונטערשריפטען, און, אז ס'פאלען אוועק 15 ענטשטעהט ערשט א פרישער קלאפאט מיט קאמפלעטירען די פעהלענדע.

איצט איז ווידער דא א מעשה מיט'ן 5-טען וואהל-קרייז, וואס נעמט ארום די גאסען: קאזשענעצקא, טארגאווא, מילא, ווארשאווסקי. דארט פערזיכערט מען, פיגורירט דער ה' משה רובינשטיין ווי מען הערט אבער, פיגורירט דארט אנ'אנדערער. ה' רובינשטיין אליין איז אויך זיכער, אז זיין קאנדידאטור איז דארט ארויסגעשטעלט געווארען, פונדעסטוועגען הערט מען פון יענעם קרייז נישט קיין קלארע זאכען, ווער ס'זענען די ווירקליכע קאנדידאטען.

אט דאס זענען די פרוכטען פון א משולחת, א שלימ'מזל'דיגען סעקרעטאר.

## אויפפאדערונג

אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון קליינהענדלער און דעטאליסטען-פעראיין האט פרעזעס ה' ר. האלצקענער אלס ענטפער אויף די פארוואורפען פון ה' ירחמיאל זילבערבערג בנוגע די קאסע פון פעראיין, ערקלערט, אז די נישט פינקטליכקייטען זענען א רעזולטאט פון מיין ארבייט בעת דער פאטענטען-אקציע.

אין צוזאמענהאנג דערמיט פאדער איך אויף דעם ה' פרעזעס האלצקענער מיר מיטצוטיילען אין משך פון 3 טעג קלאר און נישט צווייטייטיג וויפיעל געלד עס פעהלט אין דער צייט פון מיין טעטיגקייט.

פאר נישט ערפיהלען די אויבענדערמאהנטע פאדערונג ווארף איך פון זיך אראב יעטוועדע פעראנטווארטליכקייט.

**הערשיל פרידמאן.**

## ר' נתן זיגמאן ז"ל

מאנטאג י"ט אייר איז די צעהנטע יאהרצייט פון ר' נתן זיגמאן ז"ל.

דער פערשטארבענער איז געווען דער גרינדער פון סוחרים-פעראיין פאר וועלכען ער האט פיעל געלייסטעט.

ר' נתן זיגמאן איז טראגיש אומגעקומען אויפ'ן וועג פון זיין שליחות צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון די יודישע סוחרים אין ראדאם.

צוריקפאהרענדיג פון סאסנאווצע, פון דער האנדעל'ס-קאמער, וואו ער איז געווען ראטמאן זענען באנדיטען איהם בעפאלען אויפ'ן צוג און איהם דערשאסען. כבוד זיין אנדענק.

## רעפעראט אין „וויזא"

מארגען שבת צו-נאכט 9 א זייגער קומט פאר אין „וויזא" (טראוגוטטא 55) א רעפעראט פון מירא יאקובאוויטש א. ד. ט. „צו וואס שטרעבען מיר אין יעצטיגען מאמענט".

דעם ג' רופא מומחה ה' מאיר פינקעלשטיין מיט זיין פרוי ווי אויך דעם וועכטער שלמה און אלע פלעגערינ'ס פון יודישען שפיטאל, פאר זייער זארגפעלטיגער און איבערגעגעבענער בעהאנדלונג פון מיין טאכטער רייזעלע בעת איהר געבורט — דאנק איך

מיט אכטונג יעקב פאטאזשניק.

מ. טייכמאַן
(ווארשע)

# דער ערשטער קרבן*)

דאָס איז געווען מיט א סך יאָהרען צוריק, ווען די וועלט איז נאָך געווען אָ וועלט, מען האָט נישט געהאַט נאָך אַ מלחמה הינטער זיך און א מלחמה פאר זיך. דער ווינטער האָט זיך נישט געאיילט אוועקצוגיין און דער זומער צו קומען. אָבער קוים האָט מען דעם פסח שוין געהאַט אָפּגעפּטרט, האָט זיך פאַר אונז, חדר-יונגלעך פון „דזשערזשקעוו", אָנגעהויבען א צייט פון מאַיוזקעס, פון אריינכאַפּן זיך אין טאַדקעווער סעדער אָדער סתם גיין ערגיץ אויף די גליניצעס שפּילען אין פּילקע. אין די הייסע שבת-טעג, נאָך די פעטע טשאָלענטער, פלעגען די מאַמע מיט די עלטערע שוועסטערן מיט שכנות אוועקגיין אויפן קאָזשעניצער שאָסיי, צו סאַסקיס ברויז. דאָרט האָבען זיך די ווייבער באַקוועם אויסגעזעצט לענג אויס דעם ראָוו און געשעפּט קאָכעדיגע וואַסער, וואָס איז ארויסגערינען פון א פאַבריק-רינע, געשעפּט גלייך אין די מיטגעבראַכטע גלעזער אריין, צוגעביסן פּיצעלעך צוקער און פּאַסמאַקעוועס זיך — ס'האָט נאָך די צו פעטע טשאָלענטער געהאַט אַן אמת'ן טעם גן-עדן.

די יונגלעך האָבען זיך זעלטען פאַרקליבען צו „סאַסקין". מיר האָבען געהאַט העכערע אידעאַלן. פאַר אונז האָבען דער וואָרעמער פריליגג און די הייסע שבת-טעג געעפענט ברייטערע מעגליכקייטען. מיר האָבען געטרוימט וועגן ווייטע מאַיוזקעס — קיין ראַיעץ, א מאָל קיין סאַדקעוו, מען האָט גערעדט וועגן דערגיין ביז אַנטאָניוווקע אָדער אפילו ביז פאַרליע. פאַרלע איז פאַר אונזערע דזשערשקעווער געווען דער גרעסטער אידעאַל.

אין חדר האָבען מיר זיך אָנגעהערט נסים ונפלאות וועגן פאַרלע. די יונגלעך וואָס האָבען געוואוינט אָרום וואָעל האָבען אויסגעטראַכט די משונהדיקסטע מעשיות וועגן פאַרלע און דעם דאָרטיגן סטאַוו. איין מאָל זיך קענען אויסבאָדן אין דעם פאַרלער סטאַוו — מעהר האָט קיינער פון אונז נישט גיצקענט גאָר וועלען. אָבער ווי קריגט מען זיך אַהין צו דעם פאַרליע? הענעכל, דער פּיפּיגסטער יונגל אין אונזער קאָמפּאַניע, האָט אויפגעוויזען קלאָר, אַז קיין פאַרליע טאָר נישט זיין ווייטער ווי קיין ראַיעץ. פאַרקערט, ס'מוז נאָך זיין נענטער, ווען מיר זאלען זיך לאָזן דורך קאָזשעניצער גאַס איבער די קאָזאַרמעס און דערנאָך אויפן וואַרשאַווער שאָסיי, פאַרביי בעקערמאַנט מושב-זקנים, זענען מיר דאָרט אין איין האַלבע שעה.

אָבער רעדען הויך וועגן פאַרלע האָט מען נישט געטאָרט. האָבען אונזערע מאַמעס דערהערט פון אונז דעם טרפהנעם נאָמען, האָבען זיי זייער גאַנצען כעס אויף אונז אויסגעלאָזט. פאַרלע — דאָס וואָרט זאָל מען נישט דערמאָנען.

און מורא געהאַט האָבען די מאַמעס פאַר פאַרליע, ווייל דאָס דאָרטיגע וואַסער מוז יעדעס יאָר צונעמען א מענטשען. דאָס איז שוין געווען א כלל. און וואָס מעהר דאָס וואסער האָט „צוגענומען", אלץ מעהר זענען יונגעלייט געגאַנגען אהין זיך באָדען. אויפגעשטאַנען איז מען שבת באַגינען, און אין גרויסע גרופּעס איז מען געגאַנגען און באַוויזען נאָך אהיימצוקומען צו דער שמונה עשרה פון שחרית.

אָבער דאָס האָבען זיך דערלויבט גרויסע בחורים. האָבען מיר זיך געמוזט באַניגענען מיט טרוימען וועגן פאַרליער וואַסערען און קוויקען זיך בלית ברידה מיט סאַדקעווער סעדער, וואָס ס'האָבען געהאַלטען בייזע אָנגעכמורעטע יודען מיט נאָך בייזערע צעוואַקסענע הינט.

און דעם פאַר פסח האָט מיין שוועסטער תנאים געשריבען מיט א יונגענמאַן, וואָס אַלע האָבען וועגן איהם געזאָגט, אַז ער איז גאָר א וואוילער בחור. איך געדענק אים כמעט נישט. כ'ווייס נאָר, אַז ער איז געווען א גע־זונטער בחור, אביסל א באַרימער. ווייס איך? אפשר טוען אַזוי אַלע יונגע חתנים?

בקיצור, האָט דער בחור זיך געחתנט א לענגערע צייט, ארויסגעגאַנגען מיט דער כלה אין די אָוועטען און אין די שבת-נאָכמיטאָגס אין נייעם גאָרטען, אמאָל אפילו איז מען דערגאַנגען ביז'ן אַלטען גאָרטען אין דער שפּאַציר גאַס. אין אזעלכע פאַלען פלעגט דאָס פּאָרל טאַקע פאַרשפּעטיגען און אהיימקומען העט, ווען מיר זענען שוין אַלע געשלאָפען. דער טאַטע האָט זיך אפילו געקרומט, אָבער, אַז מען שמועסט א וואוילער בחור, טאָ ווי קען ער דאָ האָבן טענות? די שוועסטער ווידער איז געווען דווקא צופרידען פון אזעלכע ווייטע שפּאַצירן, און צו מאָרגענס פלעגט זי זיין גוט צו מיר און שענקען מיר אַן איבריגען גלעט און נישט שוויגען אַ ליבלעך וואָרט...

און אַז די זון האָט זיך צעשפּילט אַזוי פרילינגדיק גלעטענדיק, האָט דער חתן אָנגעהויבען דערציילען העלדישקייטען פון פאַרליע, פון זיין באָדען זיך אין פאַרליער סטאַוו, וועגן פאַרליער פריץ און זיינע הינט און וועגן די שבת-פריהמאָרגענדיגע אויספלוגען. דעמאָלט פלעגט מיר דער פרעמדער בחור ווערן נענטער. מיין „דזשערשקעווער" פאַנטאַזיע פלעגט זיך אין מיר צעשפּילען. איך פלעג זיך פאַרשטעלען אין ד מ י ו ן דעם נאַקעטען חתן און צענדליגער נאַקעטע אנדערע חתנים, וואָס טונקען זיך אונטער אין די וואַסערן פון פאַדליער סטאַוו און הויבען אויף כוואַליעס אויף א גאַנצען שטאָק (אַזוי פלעגט דער חתן זיך באַרימען) און לאָזען זיך אראָפּ טיף צום גרונט און שווימען ווי פישלעך ביים טאַטען אין ווינגאָרטען...

דער חתן האָט געברענט פון אומגעדולד צו קענען זיך אָפּשווענקען אין די פאַרליער וואַסערען. זיין יונג לייב וואָס האָט געמוזט אָפּקומען אין אונזער אַנטייכיקער שטאָט, האָט ממש געצויגן זיך צום קילען פאַרליער סטאַוו. די אויגען זיינע האָבען בעתן דערציילען געגלאַנצט מיט א באַזונדער פייערל און די הענט האָבען געפּאָכעט אין דער לופט און באַוועגט זיך ווי בעתן לייגען קלאַפּטער...

איך האָב געקוקט אויף דעם בחור, און אין געדאַנק איז מיר אויפגעקומען די מורא פון די מאַמעס פאַר דעם וואַסער, וואָס מוז יעדעס יאָהר צונעמען א מענטשען. אָ, אונזער חתן וועט דער סטאַוו נישט קריגען, זיכער נישט קריגען! ווייזט אויס, די שוועסטער, די כלה, האָט אויך געטראַכט, וועגן זעלבען און זי האָט אים געבעטען, ער זאָל איר שווערען, אַז ער וועט היי-יאָהר נישט גיין קיין פאַרליע. דער חתן האָט זיך אַדויסגעדרייט פון דעם מיט ווייטערדיגע מעשות נפלאות פון דעם סטאַוו און זיין אָפּפרישענדיקן וואַסער. און אַז די כלה איז ארויס אויף א מינוט, פלעגט ער מיר צוזאָגען מיך מיט צונעמען איין מאָהל — זאָל איך אליין טאַקע זען, און אליין זיך אונטערטונקען אין דעם געבענטשטען וואַסער.

און דער עיקר זאָל מען נאָר דערציען ביז ל"ג בעומר.

דעם יאָהר, דאַכט זיך, איז ל"ג בעומר אויסגעפּאַלען אום שבת, און איך האָב שוין געוואָרט אויף דעם שבת, ווי נאָך קיינמאָהל אין מיין קורץ ביז דעמאָלטיק לעבען אויף א וועלכען ס'איז טאָג. דאָס האַרץ האָט אין מיר געקלאַפּט די גאַנצע לעצטע וואָך. די וועטערען זענען געווען הייסע, וואונדערליך-פרילינגדיגע און איך האָב פאַר זיך נישט געזעהן נישט קיין גרינע ביימער, נישט קיין בלויען בעז, נישט די געלע פעלדבלומען — בלויז די בלויע כוואַליעס פון פאַרליער סטאַוו, וואָס מעגען זיין אַזוי גרויס ווי אַ ים, האָבען זיך געוויגט פאַר מיינע אויגען... זאָל נאָר דער שבת קומען! און דער חתן וועט וואַרטען אויף מיר ביים מושב זקנים און מיר וועלען צוזאַמען...

אבער דער שבת איז געקומען, דער טאַטע איז פריער פון מיר אויפגעשטאַנען און נישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב. איך האָב ביטער געוויינט, אין זיך, לאַנג. דער גאַנצער יום-טוב איז מיר נישט באַקומען, נישט די גאָלדענע זון, נישט די מחיהדיקע ווינטלעך. די וואַסערען פון פאַרליער סטאַוו האָבען זיך אויסגעגאָסען אין מיינע יונגלישע טרערען...

און נאָך מיטאָג איז זיך צעגאַנגען די בייזע בשורה: — אין פאַרליע איז דערטרונקען געוואָרען א בחור...

האָבען ווייבער געזיפצט: ס'וואַסער האָט שוין צוגענומען זיין ערשטען קרבן, און יונגלעך האָבען געציטערט — פאַר די מאַמעס און פאַר דעם בייזען וואַסער.

און פאַרנאַכט איז מען געוואויר געוואָרען, אַז דער קרבן איז געווען אונזער חתן...

*) די דאָזיגע דערציילונג האָט אונז היינטיגע וואָך צוגעשיקט אונזער בן-עיר, דער באַקאַנטער ליטעראַטור-קריטיקער און שריפטשטעלער מ. טייכמאַן, וועלכער האָט אויך צוגעזאָגט זיין ווייטערדיגע מיטאַרבייט אין אונזער צייטונג. רעד:




משה דוד גיסער

## פאלק, מיין פאלק!

אָ, פאָלק, מיין פאָלק! צו וואָס זאָל איך דיר שווערן,
אַז דיר וועל איך געטריי זיין אין אַלע דיינע גאַנגען?
אַז דיר נאָר זאָל מיין ליד, מיט האַרץ און בלוט געהערן,
צי בין איך נישט ווי דו, פון שונא'ס האַנט געפאַנגען?

צי שריי איך נישט פון ווייַ, ווען ווערסט פון פיינט געשלאָגען?
צי קנייפּ איך נישט מיין לייב, ווען כ'מוז אין ווייטיק שטומען?
מיט וואָס זאָל איך דיך טרייסטן? וואָס זאָל איך פאָלק, דיר זאָגען?
אַז כ'ווייס אליין נישט אויך פון וואו דיין הילף וועט קומען.

כ'האָב פּויסטען צווי פאַרקלעמטע, מיין האַרץ — איין קנויל פון צאָרן.
כ'וועל אונטערטעניק, שטום, פאַרמיידען קריץ פון ציינער,
און ווי אַ נזיר שעפּטשען צו יעדן שטיין און דאָרן:
קום, זיי מיר אָ געלעגער פאַר מיינע מידע ביינער.

מיך יאָגט, ווי דיך, דער שונא, איך ווער פאַרברענט פון פיבער.
ווי דו, מיין פאָלק! צום הימל שריי איך אין יסורים:
וואו ביסטו, קנוא ונוקם! דו, אלטער גאָט, מיין ליבער?
וואָס קומסטו אונז נישט העלפען, מיט פייער — ווינט און שטורעם?

אָ, פאָלק, מיין פאָלק, געפּייניקטס! וואָס קאָן איך מער באַווייזען,
חוץ זינגען פון דיין טרויער? מיט לידער, שטיקער לונגען
די מחנות דיינע נאָכגיין אויף וועגען, וואו זיי שפּרייזען,
און זאָל דער גאַנג זיי גרינג זיין, וואָס כ'האָב מיט האַרץ באַזונגען.

## מוזיקאלישע נאָטיצען.

צום קאָנצערט וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרען דורכן היגען „טאַז" דעם פערגאַנגענעם שבת, דעם 29 אפּריל אין טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי" ביי דער בעטייליגונג פון שמעון באַקמאַן, איזאַאַק באַקמאַן און מ. ווייַנבערג.

געגאַנגען זענען מיר, וואָס אַן אמת, אויפן קאָנצערט מיט א שווער געמיט: פון איין זייט דער פערשטאַרקטער אַנטיסעמיטיזם; פון דער אנדערער זייט די געשפּאַנטע לאַגע אין דער וועלט-פּאָליטיק און חוץ דעם — אַ טאָג נאָך היטלערס רעדע...

אָט מיט אזעלכע אָנגעשטרענגטע נערוועז און שווערן געמיט זענען מיר געגאַנגען הערען שמעון באַקמאַנען.

און דאָ מוז געזאָגט ווערען, אַז שוין די ערשטע האַרציק-וויברירענדע טענער פון שמעון באַקמאַנס כישוף-פידעל, האָבען אונז אויסגעטון פון דער גרויער וואָכעדיקייט און מיר זענען אריבערגעטראָגען געוואָרען אין א וועלט, וואו ס'איז אייביג יום-טוב — אין דער וועלט פון מוזיק.

שמעון באַקמאַן געהער צו די טאַלאַנטען, וואָס זענען לייכט גובר דאָס פּראָבלעם: פידל-טעכנישע שוועריקייטן.

מען האָט ממש געשטוינט און בעוואונדערט, מיט וואָס פאַרא זיכערקייט ער פיהרט אויס די קאָמפּליצירסטע שאַפונגען פון טשייקאָווסקי'ן, באַך, פּאַגאַניני, אַחרון, באַרטאַק, ראַוועל, דאַווידאָף א. אנד.

אבער ניין, נישט ער פיהרט אויס די געשפּילטע נומערען לויט די אָנגעשריבענע נאָטען. נאָר ער אינטערפּרעטירט זיי אויף זיין, באַקמאַנישען שטייגער אַזוי, אַז ער ווערט א שותף צום קאָמפּאָזיטאָר.

שמעון באַקמאַן איז אין זיין שפּילען א ליריקער. אפילו אין די סטאַקאַטאָס און כראָמאַטישע לויפערייען, וואו עס הערט זיך אָפּט דעם טייוועל'ס-געלעכטער, איז ער אויך ליריקער. דאָס נעמט זיך אפשר דערפון, וואָס ער איז א יודישער ליריקער וועמען ס'איז אויך געלונגען אויפצוכאַפּן דעם ספּעציפיש-יודישען „קנייטש", וואָס מיר פיהלען ביי איהם אפילו אין די דיין-גוי'שע מאָטיוון.

א סך נשמה און האַרץ לייגט ער אריין אין'ם שפּילען, אָבער נישט נאָר די פידעל און די פינגער שפּילען ביי איהם — אלץ שפּילט ביי איהם: דאָס שאַרפע פּנים, די אדלער נאָז, די פער'חלום'טע אויגען, די שוואַרצע טשופּרינע, מיט איין וואָרט: יעדעס אבר און ביינדעלע שפּילט ביי איהם. אויף איהם איז דיכטיג געזאָגט געוואָרען: כל עצמותי תאמרנה.

ווען מען הערט שמעון באַקמאַנ'ען שפּילען פיהלען מיר, ווי דער קינסטלער טראָגט אונז אדיבער אין דער וועלט פון קלאַנגען, וואו צוזאַמען מיט איהם, דעם ווירטואָז, לעבען מיר דורך דאָס געשפּילטע.

ווי א מכשף געהט ער מיט'ן בויגען איבער די סטרונעס פון זיין פידעל און גיסט ארויס בעזעהלטן. וויל ער, ברומט זי, די פידעל ווי א לייב; וויל ער — וואָיעט זי ווי א ווינט; געפעלט איהם — מוז זי איבערגעבען דעם וואַסער-רויש, דעם שאָרך פון די בלעטער, דעם קלאַנג פון דער זעג, דעם טריל פון קאַנאַריק און וויל ער, קען זי, די פידעל אַזוי צאַרט און האַרציג וויברירען, אַז עס זאָל די נשמה שיער נישט אויסגעהן פאַר מתיקות. און ווער שמועסט נאָך שמעון באַקמאַנ'ס טרילען אין פלאַזשאַלעטען — קאָנען גאָר פערטראָגען העט-העט...

דער איצטיגער פּראָגראַם איז געווען א געמישטער און עס זענען געווען אין איהם פערטרעטען סיי די קלאַסיקער און סיי די קאָמפּאָזיטאָרען פון דער לעצטער צייט. אַזוי אַרום האָט מען געהאַט די געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט די נייעסטע מוזיק-שאַפונגען.

אין דער מוזיקאַלישער וועלט פערנעמט שמעון באַקמאַן א גאָר אָנגעזעהען אָרט, אַזוי ווייט, אַז ער איז געוואָרען איינגעלאַדען אויף דעם היינטיגען יולי קיין לוצערען אויף א פעסטיוואַל, וואו ער וועט ארויסטרעטען צוזאַמען מיט די וועלט-בעריהמטע ווירטואָזען אַרטוראַ טאַסקאַניני און ברונאָ וואַלטער.

ס'איז כדאי אויך צו בעמערקען, אַז דעם 20 מאַי טרעט שמעון באַקמאַן אויף אין וואַרשאַווער „קאָלאָסעאום" מיט א קאָנצערט פאַר „פּאָן". דער דאָזיגער קאָנצערט איז אונטער'ן פּראָטעקטאָראַט פון גענעראַל בערבעצקי.

דאָס אלץ צוזאַמען זאָגט עדות, אַז מיר האָבען דאָ צו טהון מיט איינעם פון די גאָר גרויסע פידעל-ווירטואָזען.

• • •

אויפ'ן זעלבען קאָנצערט איז אויך — ווי אין קאַפּעל דערמאָנט — ארויסגעטרעטען דער יונגער וויאָלענטשעליסט איזאַאַק באַקמאַן.

מיר האָבען שוין אין אונזער צייטונג געשריבען, אַז איזאַאַק באַקמאַן האָט בעקומען א סטיפּענדיע פון פוילישען ביל-דונג'ס-מיניסטעריום. און אַז ער רעכענט זיך צווישען די בעסטע קאָנסערוואַטאַריום-שילער, ווילען מיר אָבער דאָ זאָגען, אַז מיטן איצטיגן קאָנצערט האָט ער בעוויזען, אַז ער געהט אין די דרכים פון זיין ברודער שמעון באַקמאַן.

ווען מיר האָבען איהם געהערט אויספירען דעם „חלום" פון פאָורע-קאַטאַלס, זענען מיר פּשוט פאַרוויגט געוואָרען ווי אין א כישוף-מעשה'לע און אליין אויך אָנגעהויבען חלומען. ווי ג וּ ט איז צו חלומען — ה אָ ט מען שפּעטער געטראַכט — אָבער ווי גוט וואָלט אויך געווען ווען ס'זאָל די גרויע וואָר נישט זיין...

איזאַאַק באַקמאַן זאָגט זייער א סך צו.

• • •

דעם קאָנצערט האָט באַגלייט דער יונגער פּיאַניסט מ. ווייַנבערג, וועלכער האָט ממש איבעראַשט מיט זיין ברייטער טעכניק און געפיל.

מ. ווייַנבערג באַהערשט פולשטענדיג דעם אינסטרומענט אַזוי, אַז ער קען לייכט ארויסבאַקומען דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך ביים אַקאָמפּאַנירען אַזאַ קינסטלער ווי עס איז שמעון באַקמאַן.

גאָר שטאַרק אויסגעצייכנט האָט ער זיך אין טשייקאָווסקיס טריאָ אַ מאָל.

ווייַנבערג איז נאָך יונג און מען קען פון אים א סך דערוואַרטען.

**גבריאל ווייסמאַן.**

